# דעם רבינ'ס מעשיות

סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת
מֵרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
זיע"א

הַמַּעֲשֶׂה עִם הַבְּחִינוֹת
בִּלְשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ - וְאִידִישׁ

מעשה י'
מבערגיר ועני (4)
גליון 64


## שַׁבַּת שָׁלוֹם קוֹרְאִים יְקָרִים!

**בֶּן הַבֶּערְגִיר** מְסַדֵּר לְעַצְמוֹ סְבִיבָה נוֹחָה בַּמִּדְבָּר, יֵשׁ לוֹ פֵּרוֹת מֵהָאִילָנוֹת וּמַיִם לִשְׁתּוֹת. הוּא גַּם צָד חַיּוֹת, וַאֲפִלּוּ עוֹשֶׂה לְעַצְמוֹ כְּלֵי שִׁיר לְנַגֵּן בָּהֶם. עַד שֶׁרָאָה **שֶׁטּוֹב לְפָנָיו לְבַלּוֹת שָׁם בַּמִּדְבָּר מִסְפַּר יְמֵי חַיָּיו,** אַךְ יֵשׁ בְּיָדָיו עֲדַיִן הַכְּתָב הַיָּקָר שֶׁבּוֹ כָּל הַסִּימָנִים, **שֶׁזֹּאת תִּקְוָתוֹ וְשִׂמְחָתוֹ.** הוּא הִטְמִין אֶת הַכְּתָב תַּחַת אִילָן אֶחָד וְעָשָׂה לְעַצְמוֹ סִימָן עַל הָאִילָן, אַךְ לְאַחַר מִכֵּן נַעֲשָׂה רוּחַ סְעָרָה, וְנָפְלוּ וְהִתְבַּלְבְּלוּ כָּל הָאִילָנוֹת, עַד שֶׁלֹּא נִתַּן הָיָה לִמְצֹא אֶת הַמָּקוֹם שֶׁבּוֹ נִטְמַן הַכְּתָב.

**מִי יָכוֹל לְתָאֵר** אֶת צַעֲרוֹ הַגָּדוֹל שֶׁל בֶּן הַבֶּערְגִיר? **תִּקְוָתוֹ הָאַחֲרוֹנָה** גַּם הִיא אָבְדָה, נִרְאֶה שֶׁלֹּא נִשְׁאַר לוֹ כְּלוּם. מֵרֹב צַעַר הָיָה צָרִיךְ לָלֶכֶת מִשָּׁם, וְכִמְעַט שֶׁנִּשְׁתַּגַּע. אַךְ אָנוּ, שֶׁרוֹאִים אֶת כָּל הַמַּעֲשֶׂה בִּשְׁלֵמוּת, אִם נִתְבּוֹנֵן בֶּאֱמֶת, נִרְאֶה שֶׁבַּאֲבֵדַת הַכְּתָב הָיְתָה טוֹבָה גְּדוֹלָה מְאֹד לְבֶן הַבֶּערְגִיר. אָנוּ רוֹאִים אַחַר כָּךְ, שֶׁנָּפַל מְאֹד בְּדַעְתּוֹ, וְהִתְיָאֵשׁ לְגַמְרֵי מֵעַצְמוֹ, וְהָלַךְ לְכַמָּה מְלָכִים וְנָתַן לָהֶם אֶת הַסִּימָנִים. **הָבָה נְצַיֵּר לְעַצְמֵנוּ:** לוּ הָיָה בְּיָדוֹ הַכְּתָב, לְגֹדֶל הַקַּטְנוּת שֶׁהִגִּיעַ, בְּוַדַּאי הָיָה נוֹתֵן לְאַחַד הַמְּלָכִים אֶת הַכְּתָב בְּעַצְמוֹ ח"ו, **וְהָיָה מְאַבֵּד בֶּאֱמֶת הַכֹּל.** לָכֵן אֲבֵדַת הַכְּתָב הָיְתָה בִּשְׁבִילוֹ טוֹבָה גְּדוֹלָה, שֶׁעַל יְדֵי זֶה חָזַר אַחַר כָּךְ לַמִּדְבָּר וּמָצָא אֶת הַכַּלָּה וְגַם אֶת הַכְּתָב וְחָזְרוּ לִמְקוֹמָם, **וּמָלְכוּ בַּכִּפָּה.**

**יֵשׁ בָּזֶה לִמּוּד עָצוּם** לְכָל אֶחָד, לְהַאֲמִין שֶׁגַּם הַדָּבָר שֶׁנִּרְאֶה הַנּוֹרָא בְּיוֹתֵר וַחֲסַר כָּל תִּקְוָה, גַּם זֶה לְטוֹבָה בִּשְׁבִילֵנוּ, כְּמוֹ שֶׁרַבֵּנוּ מְלַמֵּד בְּלִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ס"ה: **"וּבֶאֱמֶת אֵין שׁוּם רַע בָּעוֹלָם, רַק כֻּלּוֹ טוֹב אַךְ עִקַּר הַצַּעַר שֶׁיֵּשׁ לָאָדָם מֵהַיִּסּוּרִין שֶׁעוֹבְרִים עָלָיו, חַס וְשָׁלוֹם הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁלּוֹקְחִין מֵהָאָדָם הַדַּעַת."** כְּשֶׁלּוֹקְחִים מֵהָאָדָם אֶת הַדַּעַת, שֶׁזּוֹ הַיְדִיעָה הַבְּרוּרָה שֶׁהַכֹּל לְטוֹבָה, אָז בְּוַדַּאי יֵשׁ לוֹ יִסּוּרִים מִמַּה שֶּׁקּוֹרֶה לוֹ. לָכֵן חָשׁוּב לְחַזֵּק אֶת הָאֱמוּנָה, גַּם כְּשֶׁנִּרְאֶה שֶׁהַכֹּל שָׁחֹר, **לְחַפֵּשׂ אֶת הַהַרְחָבָה בְּתוֹךְ הַצַּעַר,** עַד שֶׁיִּזְכֶּה לְבַסּוֹף לִרְאוֹת שֶׁכָּל הָרָעָה הָיְתָה בִּשְׁבִילוֹ טוֹבָה גְּדוֹלָה. וּבֶאֱמֶת רַחֲמֵי ה' גְּדוֹלִים מְאֹד, **וְכָל דְּעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד.** (ברכות ס:)

**וְלִזְכּוֹת לָדַעַת אֲמִתִּי,** לִרְאוֹת שֶׁאֵין שׁוּם רַע בָּעוֹלָם, רַק הַכֹּל לְטוֹבָה, חָשׁוּב מְאֹד לְהִתְפַּלֵּל וּלְבַקֵּשׁ הַרְבֵּה מֵה' יִתְבָּרַךְ: **שֶׁאֶזְכֶּה לֵידַע וּלְהָבִין בֶּאֱמֶת טוּבְךָ הָאֲמִתִּי, וְאֶזְכֶּה לָדַעַת בֶּאֱמֶת שֶׁאֵין שׁוּם רַע בָּעוֹלָם כְּלָל, רַק כֻּלּוֹ טוֹב וָחֶסֶד, וְאַתָּה מַרְבֶּה לְהֵטִיב עִם כָּל בָּשָׂר בְּכָל עֵת וּבְכָל שָׁעָה, כִּי כַּוָּנָתְךָ לְטוֹבָה תָּמִיד.** (לקוטי תפילות ס"ה)

## שַׁבַּת שָׁלוֹם וּמְבֹרָךְ!



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת - מַעֲשֶׂה י' מִבֶּערְגִיר וְעָנִי (4)
# שֶׁסִּפְּרָהּ רַבֵּנוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זיע"א - לשה"ק

**וַיֵּלֶךְ וַיִּסַּע תֵּכֶף הַמֶּלֶךְ הָרִאשׁוֹן הַנַּ"ל** וּבָא לְשָׁם, לְמְקוֹם בַּת הַקֵּיסָר הַנַּ"ל, וְעָשָׂה לוֹ שִׁיר, וְנָעַץ בְּתוֹךְ הַשִּׁיר עַל־פִּי הַחָכְמָה זוֹ כָּל אוֹתָן הַמְּקוֹמוֹת, דְּהַיְנוּ **הַשִּׁבְעָה עֵדִים** הַנַּ"ל, אַךְ עַל־פִּי הַשִּׁיר נִזְדַּמֵּן לוֹ, שֶׁלֹּא סִדְּרָם כְּסֵדֶר אֶת הַמְּקוֹמוֹת הַנַּ"ל, כִּי כֵן הִגִּיעַ לוֹ עַל־פִּי חָכְמַת הַשִּׁיר.

**וּבָא לְשָׁם עַל הַמָּקוֹם הַנַּ"ל**, וְהִגִּיד הַשִּׁיר. כִּשְׁמֹעַ בַּת הַקֵּיסָר הַמְּקוֹמוֹת הַנַּ"ל, נִפְלָא בְּעֵינֶיהָ, וְנִרְאָה לָהּ שֶׁמֻּכְרָח שֶׁזֶּהוּ בֶּן גִּילָהּ, רַק הָיָה קָשֶׁה בְּעֵינֶיהָ עַל שֶׁלֹּא סִדְּרָם כְּסֵדֶר, אַךְ אַף־עַל־פִּי־כֵן חָשְׁבָה בְּדַעְתָּהּ, אוּלַי מֵחֲמַת חָכְמַת מִשְׁקַל הַשִּׁיר בָּא לוֹ זֶה הַסֵּדֶר,

**וְנִסְכַּם בְּלִבָּהּ**, שֶׁזֶּה הוּא, וְכָתְבָה לוֹ, שֶׁהִיא מְשֻׁדֶּכֶת לוֹ, **וְנַעֲשָׂה שִׂמְחָה וָרַעַשׁ**, שֶׁנִּמְצָא לָהּ בֶּן גִּילָהּ, **וְהֵכִינוּ עַל הַחֲתֻנָּה.**

**בְּתוֹךְ כָּךְ בָּא הַשֵּׁנִי** וְהָיָה רָץ גַּם־כֵּן לְשָׁם. וְאָמְרוּ לוֹ, שֶׁכְּבָר הִיא מְשֻׁדֶּכֶת, וְלֹא הִשְׁגִּיחַ עַל זֶה וְאָמַר שֶׁאַף־עַל־פִּי־כֵן יֵשׁ לוֹ דָּבָר שֶׁיַּגִּיד לָהּ שֶׁבְּוַדַּאי יִפְעַל. וּבָא וְהִגִּיד שִׁירוֹ **וְסִדֵּר כָּל הַמְּקוֹמוֹת הַנַּ"ל כְּסֵדֶר, וְגַם נָתַן עוֹד סִימָן יוֹתֵר.** וְשָׁאֲלָה אוֹתוֹ, מֵאַיִן יוֹדֵעַ הָרִאשׁוֹן. וּלְהַגִּיד הָאֱמֶת לֹא טוֹב לְפָנָיו, וְאָמַר שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ. וְנִפְלָא בְּעֵינֶיהָ מְאֹד,

**וְעָמְדָה מִשְׁתּוֹמֵם**, כִּי גַּם הָרִאשׁוֹן סִפֵּר הַמְּקוֹמוֹת וּמֵאַיִן יִתְוַדַּע לְאָדָם סִימָנִים הַלָּלוּ? אַךְ אַף־עַל־פִּי־כֵן נִרְאָה בְּעֵינֶיהָ, שֶׁזֶּה הַשֵּׁנִי הוּא בֶּן גִּילָהּ, מֵאַחַר שֶׁרָאֲתָה בּוֹ, **שֶׁסִּפֵּר כְּסֵדֶר** וְכוּ', כַּנַּ"ל, וְהָרִאשׁוֹן, אֶפְשָׁר עַל־פִּי חָכְמַת הַשִּׁיר בָּא לוֹ זֹאת, שֶׁהִזְכִּיר אֵלּוּ הַמְּקוֹמוֹת, **אַךְ נִשְׁאֲרָה עוֹמֶדֶת.**

**וְהַבָּחוּר הַנַּ"ל**, כְּשֶׁשְּׁלָחוֹ הַשֵּׁנִי, חָרָה לוֹ גַּם־כֵּן, וְהָלַךְ אֶל הַשְּׁלִישִׁי וְסִפֵּר לוֹ גַּם־כֵּן כַּנַּ"ל, **וּמָסַר לוֹ עוֹד יוֹתֵר** סִימָנִים מֻבְהָקִים בְּיוֹתֵר. וְלִפְנֵי הַשְּׁלִישִׁי סִפֵּר **כָּל לִבּוֹ** בַּאֲשֶׁר שֶׁהָיָה לוֹ כְּתָב, שֶׁהָיָה מְצֻיָּר בּוֹ הַמְּקוֹמוֹת כַּנַּ"ל, בְּכֵן **יְצַיֵּר לְעַצְמוֹ** גַּם־כֵּן עַל נְיָר כָּל אוֹתָן הַמְּקוֹמוֹת וְיָבִיא אֵלֶיהָ.

**וְהַשְּׁלִישִׁי נִתְיַשֵּׁב גַּם־כֵּן כַּנַּ"ל**, שֶׁאֵין טוֹב לְפָנָיו, שֶׁיָּבִיא אוֹתָהּ לְכָאן, וְזֶה הַבָּחוּר יִהְיֶה כָּאן וְשָׁלַח גַּם־כֵּן אֶת הַבָּחוּר עוֹד לְמֵרָחוֹק יוֹתֵר מָאתַיִם פַּרְסָאוֹת.

**וְזֶה הַמֶּלֶךְ הַשְּׁלִישִׁי רָץ גַּם־כֵּן לְשָׁם** (דְּהַיְנוּ לִקַּח אֶת הַיְּפַת־תֹּאַר) וּבָא לְשָׁם, וְהִגִּידוּ לוֹ, שֶׁכְּבָר יֵשׁ כָּאן שְׁנֵי הַנַּ"ל, וְהֵשִׁיב: אַף עַל־פִּי־כֵן, כִּי יֵשׁ לוֹ דָּבָר, **שֶׁבְּוַדַּאי יִפְעַל.** וְהָעוֹלָם לֹא הָיוּ יוֹדְעִים כְּלָל מִפְּנֵי מָה הִיא נִתְרַצָּה לְאֵלּוּ יוֹתֵר מֵאֲחֵרִים.

**וּבָא גַּם הַשְּׁלִישִׁי** וְהִגִּיד שִׁירוֹ בְּסִימָנִים מֻבְהָקִים יוֹתֵר, וְהֶרְאָה **הַכְּתָב עִם צִיּוּר הַמְּקוֹמוֹת** וְנִבְהֲלָה מְאֹד, אַךְ לֹא יָכְלָה לַעֲשׂוֹת דָּבָר מֵחֲמַת שֶׁגַּם הָרִאשׁוֹן נִרְאָה שֶׁזֶּהוּ וְאַחַר־כָּךְ הַשֵּׁנִי, עַל כֵּן אָמְרָה, שֶׁלֹּא תַּאֲמִין, עַד שֶׁיָּבִיאוּ לָהּ **כְּתָב יָדָהּ בְּעַצְמוֹ.**

**אַחַר־כָּךְ נִתְיַשֵּׁב בְּדַעְתּוֹ הַבָּחוּר הַנַּ"ל: עַד מָתַי** יִהְיוּ מְשַׁלְּחִין אוֹתוֹ בְּכָל פַּעַם לְהַלָּן יוֹתֵר? **עַל כֵּן יֵשֵׁב עַצְמוֹ**, שֶׁהוּא **בְּעַצְמוֹ** יַנִּיחַ עַצְמוֹ לֵילֵךְ לְשָׁם, **אוּלַי יִפְעַל הוּא.** וְהָיָה הוֹלֵךְ וְסוֹבֵב, **עַד שֶׁבָּא לְשָׁם** וְאָמַר, שֶׁהוּא יֵשׁ לוֹ דָּבָר וְכוּ'.

**וּבָא** וְהִגִּיד **שִׁירוֹ** וְנָתַן עוֹד יוֹתֵר **וְיוֹתֵר סִימָנִים מֻבְהָקִים**, וְהִזְכִּיר אוֹתָהּ, **שֶׁלָּמַד עִמָּהּ בְּחֶדֶר אֶחָד** וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה, וְסִפֵּר לָהּ הַכֹּל **שֶׁהוּא שָׁלַח הַמְּלָכִים** הַנַּ"ל **וְשֶׁטָּמַן הַכְּתָב בָּאִילָן** וְכָל מַה שֶּׁעָבַר עָלָיו אֲבָל הִיא **לֹא הִשְׁגִּיחָה כְּלָל עַל זֶה.**

(וּבְוַדַּאי גַּם הָרִאשׁוֹנִים הַמְּלָכִים הַנַּ"ל אָמְרוּ אֵיזֶה טְעָמִים עַל מַה שֶּׁאֵין בְּיָדָם הַכְּתָב)

**וּלְהַכִּיר אוֹתוֹ בְּוַדַּאי אִי־אֶפְשָׁר,** כִּי כְּבָר עָבַר זְמַן רַב, וְלֹא רָצְתָה לְהַשְׁגִּיחַ עוֹד עַל סִימָנִים כְּלָל, עַד **שֶׁיָּבִיאוּ לָהּ הַכְּתָב,** כִּי גַּם עַל הָרִאשׁוֹן סְבָרָה שֶׁזֶּהוּ בְּוַדַּאי וְכֵן עַל הַשֵּׁנִי וְכוּ', עַל כֵּן לֹא רָצְתָה וְכוּ', כַּנַּ"ל.

**וְנִתְיַשֵּׁב הַבָּחוּר, שֶׁכָּאן אִי־אֶפְשָׁר לַעֲשׂוֹת שְׁהִיּוֹת כְּלָל,** וְנִתְיַשֵּׁב לָשׁוּב וְלַחֲזֹר לִמְקוֹמוֹ, אֶל הַמִּדְבָּר שֶׁהָיָה בּוֹ, **וְשָׁם יְבַלֶּה יְמֵי חַיָּיו.** וְהָיָה הוֹלֵךְ וְסוֹבֵב לְהַגִּיעַ לַמִּדְבָּר הַנַּ"ל, וְהִגִּיעַ לְשָׁם, אֶל הַמִּדְבָּר הַנַּ"ל.

**בְּתוֹךְ כָּל הַנַּ"ל** עָבְרוּ בֵּין כָּךְ וּבֵין כָּךְ כַּמָּה שָׁנִים, וְנִסְכַּם אֵצֶל הַבָּחוּר הַנַּ"ל שֶׁיֵּשֵׁב שָׁם בַּמִּדְבָּר, **וִיבַלֶּה שָׁם יְמֵי חַיָּיו** כְּפִי מַה שֶּׁעָרַךְ בְּדַעְתּוֹ חִיּוּת הָאָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה נֶחְקַר בְּדַעְתּוֹ, שֶׁטּוֹב לְבַלּוֹת כָּאן מִסְפַּר יָמָיו, וְיָשַׁב שָׁם וְאָכַל וְכוּ' כַּנַּ"ל.

**וְעַל הַיָּם הָיָה רוֹצֵחַ.** וְהָרוֹצֵחַ שָׁמַע, שֶׁנִּמְצָא יְפַת־תֹּאַר כָּזוֹ בָּעוֹלָם, וְחָשַׁב לְתָפְסָהּ, אַף שֶׁהוּא לֹא הָיָה צָרִיךְ אוֹתָהּ, כִּי הָיָה סָרִיס, אַךְ חָשַׁק לְתָפְסָהּ כְּדֵי לְמָכְרָהּ לְאֵיזֶה מֶלֶךְ וְיִקַּח בַּעֲדָהּ הוֹן רַב,

**וְהִתְחִיל לְהִשְׁתַּדֵּל בָּזֶה. וְהָרוֹצֵחַ הוּא מֻפְקָר,** וְהִפְקִיר עַצְמוֹ: אִם יִפְעַל־יִפְעַל, וְאִם לָאו־לָאו; וּמַה יַּפְסִיד? כִּי הוּא מֻפְקָר כְּדֶרֶךְ הָרוֹצֵחַ.

**וְהָלַךְ הָרוֹצֵחַ וְקָנָה סְחוֹרוֹת רַבּוֹת מְאֹד מְאֹד** רִבּוּי מֻפְלָג מְאֹד. גַּם עָשָׂה **צִפֳּרִים שֶׁל זָהָב,** וְהָיוּ נַעֲשִׂים בְּאֻמָּנוּת, שֶׁנִּדְמֶה, שֶׁהֵם חַיִּים מַמָּשׁ (נַאטִירְלִיךְ). גַּם עָשָׂה שִׁבֳּלִים שֶׁל זָהָב, וְהָיוּ הַצִּפֳּרִים עוֹמְדִים עַל הַשִּׁבֳּלִים, וְזֶה הָיָה בְּעַצְמוֹ נִדְמֶה לְחִדּוּשׁ, **שֶׁהַצִּפֳּרִים עוֹמְדִים עַל שִׁבֳּלִים,** וְאֵין הַשִּׁבֳּלִים נִשְׁבָּרִים, כִּי הָיוּ צִפֳּרִים גְּדוֹלִים (עַל כֵּן הָיָה חִדּוּשׁ).

**גַּם עָשָׂה בְּתַחְבּוּלוֹת** שֶׁנִּדְמֶה, **שֶׁהֵם מְנַגְּנִים,** וְאַחַת הָיְתָה מַכָּה וּמְקַשְׁקֶשֶׁת בִּלְשׁוֹנָהּ, (שֶׁקּוֹרִין גִּיקְנַאקְט), וְאַחַת הָיְתָה מְצַלְצֶלֶת בְּפִיהָ, (שֶׁקּוֹרִין גִּישְׁוִישְׁטְשֶׁיט), וְאַחַת הָיְתָה מְזַמֶּרֶת

**וְהַכֹּל הָיָה בְּתַחְבּוּלוֹת,** שֶׁהָיוּ בְּנֵי־אָדָם עוֹמְדִים שָׁם בְּתוֹךְ חֶדֶר, שֶׁהָיָה עַל הַסְּפִינָה מֵאֲחוֹרֵי הַצִּפֳּרִים, וְעָשׂוּ כָּל הַנַּ"ל אוֹתָן הַבְּנֵי־אָדָם, וְנִדְמֶה, שֶׁהַצִּפֳּרִים בְּעַצְמָן מְנַגְּנִים, כִּי הָיוּ עֲשׂוּיִים עִם דְּרָאטִין בְּאֻמָּנוּת, **עַד שֶׁנִּדְמֶה, שֶׁהֵם בְּעַצְמָן** עוֹשִׂין כָּל הַנַּ"ל.

**וְנָסַע הָרוֹצֵחַ עִם כָּל הַנַּ"ל** לַמְּדִינָה, שֶׁהָיְתָה שָׁם בַּת הַקֵּיסָר הַנַּ"ל. וּבָא אֶל הָעִיר, שֶׁהָיְתָה שָׁם, **וְעָמַד עִם סְפִינָתוֹ בַּיָּם,** וְשִׁלְשֵׁל הָאַנְקֶירְשׁ וְעִכְּבָהּ (שֶׁקּוֹרִין גִּיאַנְקֶירְט), וְדִמָּה עַצְמוֹ לְסוֹחֵר גָּדוֹל, וְהָיוּ נִכְנָסִים וּבָאִים שָׁם לִקְנוֹת אֶצְלוֹ סְחוֹרוֹת רַבּוֹת יְקָרוֹת. וְעָמַד שָׁם אֵיזֶה זְמַן רֶבַע שָׁנָה וְיוֹתֵר וְהָיוּ נוֹשְׂאִים מִמֶּנּוּ סְחוֹרוֹת יָפוֹת שֶׁקָּנוּ אֶצְלוֹ.

**וְחָשְׁקָה גַּם בַּת הַקֵּיסָר לִקְנוֹת סְחוֹרָה מִמֶּנּוּ,** וְשָׁלְחָה אֵלָיו, שֶׁיִּשָּׂא סְחוֹרָה אֶצְלָהּ, וְשָׁלַח לָהּ, שֶׁאֵינוֹ צָרִיךְ לָזֶה לָשֵׂאת סְחוֹרָה לְבֵית הַקּוֹנֶה אַף־עַל־פִּי שֶׁהִיא בַּת הַקֵּיסָר, וּמִי שֶׁצָּרִיךְ סְחוֹרָה, יָבוֹא אֶצְלוֹ, **וְלַסּוֹחֵר אֵין מִי שֶׁיַּכְרִיחַ אוֹתוֹ עַל זֶה.**

**וְיָשְׁבָה עַצְמָהּ בַּת הַקֵּיסָר,** שֶׁתֵּלֵךְ אֶצְלוֹ. וְדַרְכָּהּ הָיָה, כְּשֶׁהָלְכָה בַּשּׁוּק, **הָיְתָה תּוֹלָה מִכְסֶה עַל פָּנֶיהָ** כְּדֵי שֶׁלֹּא יִסְתַּכְּלוּ בָהּ, כִּי יוּכְלוּ בְּנֵי אָדָם לִפֹּל וְכוּ' מֵחֲמַת יָפְיָהּ, כַּנַּ"ל, עַל כֵּן הָיְתָה מְכַסָּה פָּנֶיהָ, כַּנַּ"ל.

**וְהָלְכָה בַּת הַקֵּיסָר** וְכִסְּתָה אֶת פָּנֶיהָ וְלָקְחָה גַּם רֵעוּתֶיהָ עִמָּהּ וְחַיִל, (שֶׁקּוֹרִין וַואךְ), הָלַךְ אַחֲרֶיהָ. וּבָאתָה אֶל הַסּוֹחֵר הַנַּ"ל (הַיְנוּ הָרוֹצֵחַ, שֶׁנִּדְמָה לְסוֹחֵר) **וְקָנְתָה שָׁם סְחוֹרוֹת אֶצְלוֹ,** וְהָלְכָה לָהּ. וְאָמַר לָהּ הַסּוֹחֵר. אִם תָּבוֹא עוֹד הַפַּעַם, אַרְאֶה לָךְ **עוֹד דְּבָרִים יָפִים מִזֶּה,** שֶׁהֵם נִפְלָאִים מְאֹד; וְשָׁבָה לְבֵיתָהּ.

**שׁוּב פַּעַם אַחֶרֶת** בָּאתָה וְקָנְתָה וְהָלְכָה לָהּ. וְעָמַד שָׁם (הָרוֹצֵחַ הַזֶּה) אֵיזֶה זְמַן; בְּתוֹךְ כָּךְ נַעֲשֵׂית (הַבַּת קֵיסָר הַנַּ"ל) **רְגִילָה אֶצְלוֹ, נִכְנֶסֶת וְיוֹצֵאת.**

## סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת - מַעֲשֶׂה י' מִבֶּערְגִיר וְעָנִי (4)

# וָואס הָאט דֶערְצֵיילְט רַבֵּנוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זיע"א - אידיש

**הָאט זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבְּן** דֶער עֶרְשְׁטֶער מֶלֶךְ הַנַּ"ל אוּן אִיז גִיפָּארִין אַהִין תֵּיכֶף אוּן אִיז אַהִין גִיקוּמֶען צוּ דֶעם אָרְט פוּן דֶער בַּת קֵיסָר הַנַּ"ל דְהַיינוּ דִי יְפַת תוֹאַר אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט זִיךְ גִימַאכְט אַ שִׁיר.

**אוּן הָאט אַיין גִיזֶעצְט** אִין דֶער שִׁיר מִיט חָכְמָה דִי אַלֶע עֶרְטֶער דְהַיינוּ **דִי זִיבְּן עֵדוּת הַנַּ"ל** (דְהַיינוּ דִי זִיבְּן אִירְלֵיי וַואסֶערְן וָואס דָאס אִיז גִיוֶוען דֶער עִיקָר סִימָנִים וָואס זִי הָאט גִיהַאט אִין אִיר חָתְן כַּנַּ"ל) לוּשְׁמִיר וֶועדְלִיק דֶער חָכְמָה פוּן דֶעם שִׁיר. **אִיז אִים אוֹיס גִיקוּמֶען דִי זִיבְּן עֶרְטֶער נִיט כְּסֵדֶר** (דְהַיינוּ לְמָשָׁל עֶר הָאט בַּאדַארְפְט צוּ זָאגְן פְרִיר דֶעם גְרוּב אוּן דֶער נָאךְ דִי מִקְוֶה וְכוּ' אוּן עֶר הָאט פַארְקֶערְט גִיזָאגְט) וָוארְן סֶע אִיז אִים אַזוֹי אוֹיסְגִיקוּמֶען עַל פִּי חָכְמַת הַשִּׁיר.

**אוּן דֶער מֶלֶךְ** אִיז אַרוֹיף גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם אָרְט (דְהַיינוּ אוֹיף דֶעם אָרְט וָואס וֶוער סֶע הָאט זִיךְ גִיוָואלְט מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אִיר הָאט גִימוּזְט אוֹיף דֶעם אָרְט אַרוֹיף קוּמֶען אוּן זָאגְן אַ שִׁיר מִיט חָכְמָה כַּנַּ"ל) אוּן עֶר הָאט גִיזָאגְט זַיין שִׁיר. וִוי זִי הָאט דֶערְהֶערְט דִי עֶרְטֶער (דְהַיינוּ דִי זִיבְּן אִירְלֵיי וַואסֶערְן) **אִיז בַּיי אִיר אַ ווִילְד חִידוּשׁ גִיוֶוען.**

**אִיז אִיר גִיפֶעלְן** אַז דָאס אִיז בְּוַודַאי **אִיר חָתְן** נָאר סֶע אִיז אִיר קָשֶׁה גִיוֶוען פַאר וָואס עֶר זָאגְט זֵיי נִיט כְּסֵדֶר לוּשְׁמִיר פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט. הָאט זִי זִיךְ גִיטְרַאכְט אֶפְשֶׁר מַחְמַת דֶער חָכְמָה פוּן דֶעם שִׁיר אִיז אִים אוֹיס גִיקוּמֶען דֶער סֵדֶר. אִיז בַּיי אִיר גִיבְּלִיבְּן אִין הַארְץ **אַז דָאס אִיז עֶר אַלֵיין.**

**הָאט זִי אִים אָפְּגִישְׁרִיבְּן** אַז זִי אִיז זִיךְ מְשַׁדֵךְ מִיט אִים. אִיז גִיוָוארִין **אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה** אוּן **אַ רַעַשׁ**. בַּאֲשֶׁר דִי יְפַת תוֹאַר הָאט זִיךְ שׁוֹין גִיפוּנֶען אַ שִׁידוּךְ אוּן מְהָאט זִיךְ שׁוֹין גִירֶעכְט אוֹיף דֶער חַתוּנָה.

**דֶערְוַוייל קוּמְט אָן דֶער אַנְדְרֶער** (דְהַיינוּ דֶער אַנְדֶער מֶלֶךְ וָואס אִים הָאט אוֹיךְ דֶער בָּחוּר אוֹיס גִיזָאגְט אַלֶע סִימָנִים אוּן נָאךְ מֶער אַ סִימָן כַּנַּ"ל) אוּן דֶער אַנְדְרֶער אִיז אוֹיךְ גִילָאפִין אַהִין. הָאט מֶען אִים גִיזָאגְט אַז זִי הָאט שׁוֹין אַ שִׁידוּךְ גִיטָאן. **אוּן עֶר הָאט דְרוֹיף נִיט גִיקוּקְט.** אוּן עֶר הָאט גִיזָאגְט. פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט. הָאט עֶר אָבֶּער אַזַאךְ וָואס עֶר וֶועט אִיר זָאגִין. וָואס עֶר וֶועט בְּוַודַאי פּוֹעֶלִין. אִיז עֶר גִיקוּמֶען (דְהַיינוּ דֶער אַנְדְרֶער מֶלֶךְ) אוּן הָאט גִיזָאגְט זַיין שִׁיר.

**אוּן דֶער אַנְדְרֶער** הָאט שׁוֹין מְסַדֵר גִיוֶוען דִי אַלֶע עֶרְטֶער **כְּסֵדֶר**. אוּן דֶערְצוּ הָאט עֶר גִיגִיבְּן נָאךְ **מֶער אַ סִימָן**. הָא זִי אִים גִיפְרֶעגְט פוּן וַואנֶעט וֵוייסְט דֶער עֶרְשְׁטֶער. **זָאל עֶר זָאגִין דֶעם אֶמֶת** אִיז זִיךְ פַאר אִים נִיט גוּט (דְהַיינוּ. דֶער אַנְדְרֶער הָאט זִיךְ גִיטְרַאכְט. עֶר קָאן אִיר נִיט אוֹיסְזָאגְן דֶעם אֶמֶת אַז דֶער בָּחוּר הָאט דֶעם עֶרְשְׁטְן אוֹיסְגִיזָאגְט. וָוארְן דָאס טוֹיג זִיךְ אִים נִישְׁט אַז זִי זָאל דָאס וִויסְן) הָאט עֶר אִיר גִיעֶנְפֶערְט. עֶר וֵויסְט נִיט. (פוּן וַואנֶעט דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט גִיוואוּסְט דִי סִימָנִים) **אִיז בַּיי אִיר דָאס אַ ווִילְד חִידוּשׁ גִיוֶוען.**

**אוּן זִי אִיז גִיבְּלִיבְּן שְׁטֵיין פַארְטוּמִילְט.** וָוארִין דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט זִיךְ אוֹיךְ אוֹיס דֶערְצֵיילְט דִי אַלֶע עֶרְטֶער. אוּן פוּן וַואנֶעט זָאל אַ מֶענְטְשׁ וִויסִין דִי סִימָנִים. לוּשְׁמִיר פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט אִיז אִיר גִיפֶעלִין אַז דֶער אַנְדֶערֶער עֶר אִיז אִיר חָתְן. וָוארִין זִי הָאט גִיזֶעהְן אַז עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט כְּסֵדֶר. אוּן דֶערְצוּ נָאךְ אַ סִימָן מֶער אוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער אֶפְשֶׁר אִיז דָאס אִים אוֹיס גִיקוּמֶען דָארְךְ דֶער חָכְמָה פוּן דֶעם שִׁיר וָואס עֶר הָאט דֶערְמַאנְט דִי עֶרְטֶער.

**נָאר זִי אִיז שׁוֹין גִיבְּלִיבְּן שְׁטֵיין** (כְּלוֹמֶר זִי הָאט זִיךְ שׁוֹין קֵיין עֵצָה נִיט גִיקָאנְט גִיבִּין אִיז זִי גִיבְּלִיבְּן שְׁטֵיין אוּן הָאט שׁוֹין מִיט קֵיינֶעם נִיט גִיוָואלְט זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין).

**אוּן דֶער בָּחוּר דְהַיינוּ** דֶעם בֶּערְגִירְס זוּן. וִוי דֶער אַנְדְרֶער מֶלֶךְ הָאט אִים פַארְשִׁיקְט. הָאט עֶס אִים וִוידֶער זֵיעֶר פַארְדְרָאסִין. אִיז עֶר גִיאַנְגֶען צוּם דְרִיטִין אוּן הָאט אִים אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט גָאר דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה כַּנַּ"ל אוּן עֶר הָאט אִים **נָאךְ מֶער סִימָנִים גִיזָאגְט זֵייעֶר גוּטֶע סִימָנִים.**

**אוּן פַאר דֶעם דְרִיטִין** הָאט עֶר אוֹיס **גִירֶעט גָאר** זַיין הַארְץ. בַּאֲשֶׁר עֶר הָאט גִיהַאט **אַ כְּתַב** וָואס אוֹיף דֶעם כְּתַב אִיז גִיוֶוען אוֹיס גִימָאלְט דִי אַלֶע עֶרְטֶער (דְהַיינוּ דִי זִיבִּין אִירְלֵיי וַואסֶערִין)

**בְּכֵן** זָאל עֶר זִיךְ אוֹיס מָאלִין אוֹיף אַ פַּאפִּיר דִי אַלֶע עֶרְטֶער אוּן זָאל אִיר בְּרֶענְגֶען. אוּן דֶער דְרִיטֶער מֶלֶךְ הָאט אוֹיךְ פַּארְשִׁיקְט דֶעם בָּחוּר נָאךְ וַוייטֶער צְוֵויי הוּנְדֶערְט מַייל.

**אוּן דֶער דְרִיטֶער** אִיז אוֹיךְ גִילָאפִין אַהִין. אוּן אִיז אַהִין גִיקוּמֶען. הָאט מֶען אִים גִיזָאגְט אַז סֶע אִיז שׁוֹין דָא דָא דִי צְוֵויי (דְהַיְינוּ דִי צְוֵויי מְלָכִים הַנַּ"ל) הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט. פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט. וָוארִין עֶר הָאט אַזוֹי אַזַאךְ וָואס עֶר וֶועט **בְּוַודְאַי פּוֹעֲלִין**.

**אוּן דִי וֶועלְט הָאט גָאר נִיט גִיוואוּסְט.** פַּארְוָואס זִי וִויל דִי דָאזִיגֶע בֶּעסֶער אֵיידֶער אַנְדֶערֶע. אוּן דֶער דְרִיטֶער אִיז אוֹיךְ אָנְגִיקוּמֶען אוּן הָאט גִיזָאגְט זַיין שִׁיר מִיט זֵייעֶר וואוֹילֶע סִימָנִים בֶּעסֶערֶע סִימָנִים פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע.

**אוּן עֶר הָאט גִיוִויזִין** דָאס כְּתָב (דְהַיְינוּ וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַלֵיין נָאךְ גִימָאלְט דִי עֶרְטֶער) מִיט דִי אַלֶע עֶרְטֶער אוֹיס גִימָאלְט.

**אִיז זִי זֵייעֶר נִבְהָל גִיוָוארִין** (כְּלוֹמֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַּארְטוּמְלְט) נָאר זִי הָאט שׁוֹין נִישְׁט גִיקֶענְט טָאן קֵיין שׁוּם זַאךְ. מַחְמַת אוֹיף דֶעם עֶרְשְׁטִין הָאט זִי זִיךְ אוֹיךְ גִימֵיינְט. אַז דָאס אִיז עֶר אַלֵיין. אוּן נָאךְ דֶעם אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין אִיבֶּער דֶעם הָאט זִי גִיזָאגְט אַז זִי וֶועט שׁוֹין נִיט גְלֵייבִּין בִּיז מֶע וֶועט אִיר בְּרֶענְגֶען אִיר **אֵייגִין כְּתָב אַלֵיין**.

**דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב** גִיוֶוען דֶער בָּחוּר (דְהַיְינוּ דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן) בִּיז וִוי לַאנְג וֶועט מֶען עֶס אִים אַלְץ פַּארְשִׁיקְן וַוייטֶער. **הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען** עֶר אַלֵיין וֶועט זִיךְ לָאזְן אַהִין. (דְהַיְינוּ צוּ דֶער בַּת קֵיסָר) טָאמֶער וֶועט עֶר פּוֹעֲלְן.

**אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען** אוּן גִיגַאנְגֶען בִּיז עֶר אִיז אַהִין גִיקוּמֶען. אוּן עֶר הָאט גִיזָאגְט עֶר הָאט אַזַאךְ. וָואס עֶר וֶועט **בְּוַודְאַי פּוֹעֲלְן**.

**אוּן עֶר אִיז גִיקוּמֶען אוּן הָאט גִיזָאגְט זַיין שִׁיר.** אוּן עֶר הָאט גִיזָאגְט נָאךְ מֶער סִימָנִים זֵייעֶר גוּטֶע סִימָנִים. אוּן עֶר הָאט זִי דֶערְמַאנְט אַז עֶר הָאט מִיט אִיר אִין **אֵיין חֶדֶר גִילֶערְנְט.** אוּן נָאךְ אַנְדֶערֶע **סִימָנִים.**

**אוּן הָאט אִיר אַלְץ אוֹיס דֶערְצֵיילְט.** אַז עֶר הָאט גִישִׁיקְט דִי מְלָכִים הַנַּ"ל אוּן אַז עֶר הָאט בַּאהַאלְטְן דָאס כְּתָב אִין אַ בּוֹים. אוּן אַלְדִינְג וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיטָאן.

**אָבֶּער זִי הָאט דְרוֹיף גָאר נִיט גִיקוּקְט.** (אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע דְרַיי מְלָכִים הָאבְּן בְּוַודְאַי אוֹיךְ גִימוּזְט זָאגְן עֶפֶּעס טַעְמִים פַּאר וָואס זֵיי הָאבְּן נִיט דָאס כְּתַב)

**אוּן צוּ דֶערְקֶענֶען אִים.** אִיז בְּוַודְאַי נִיט מֶעגְלֶעךְ. וָוארְן עֶס אִיז שׁוֹין אַוֶועק גִיגַאנְגֶען אַ לַאנְגֶע צַייט. אוּן זִי הָאט שׁוֹין נִיט גִיוָואלְט קוּקְן אוֹיף קֵיין שׁוּם סִימָנִים. **בִּיז מֶע וֶועט אִיר בְּרֶענְגֶען דָאס כְּתַב פוּן אִיר הַאנְט אַלֵיין.**

**וָוארִין אוֹיף דֶעם עֶרְשְׁטִין** הָאט זִי זִיךְ אוֹיךְ גִימֵיינְט אַז דָאס אִיז עֶר בְּוַודְאַי. אוּן אַזוֹי אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין וְכוּ'

**אִיבֶּער דֶעם** הָאט זִי שׁוֹין נִיט גִיוָואלְט קֵיין שׁוּם סִימָנִים וְכוּ' כַּנַּ"ל.

**אוּן דֶער בָּחוּר** (דְהַיְינוּ דֶעם בֶּערְגִירְס זוּן) הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. **עֶר קָאן דָא קֵיין שְׁהִיוֹת נִיט מַאכִין** (כְּלוֹמֶר עֶר קָאן דָא נִיט זָאמֶען. וָוארִין טָאמֶער וֶוערְט מֶען גִיוָואר אַז עֶר אִיז דָא וֶועט אִים דֶער קֵיסָר הַרְגִינֶען כַּנַּ"ל)

**הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב** גִיוֶוען עֶר וֶועט זִיךְ וִוידֶער אוּם קֶערִין צוּ זַיין אָרְט אִין דֶער מִדְבָּר אַרַיין וָואס עֶר אִיז פְרִיר דָארְט גִיוֶוען. **אוּן דָארְט וֶועט עֶר אִיבֶּער לֶעבִּין זַיינֶע יָארִין.** אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען כְּדֵי עֶר זָאל קוּמֶען צוּ דֶער מִדְבָּר. אוּן עֶר אִיז אַהִין גִיקוּמֶען צוּ דֶער מִדְבָּר הַנַּ"ל.

**דֶערְוַוייל** וִוי דָאס הָאט זִיךְ אַלְץ גִיטָאן דֶערְוַוייל זֶענֶען אַוֶועק גִיגַאנְגֶען זֵייעֶר אַסַאךְ יָארִין אוּן בַּיי דֶעם בָּחוּר אִיז גִיבְּלִיבְּן אִין דֶער דֵיעָה אַז עֶר זָאל דָארְט אַוֶועק זִיצִין אִין דֶער מִדְבָּר **אוּן עֶר זָאל דָארְט אִיבֶּער לֶעבִּין זַיינֶע יָארִין.**

**וֶועדְלִיג** וִוי עֶר הָאט אָפּ גִישַׁאצְט דָאס גַאנְצֶע לֶעבִּין פוּן דֶעם מֶענְשְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

**אִיז בַּיי אִים** אָפּ גִיקְלֶערְט גִיוָוארִין אִין זַיין דֵיעָה. אַז סֶע אִיז גוּט דָא אִין דֶער מִדְבָּר אִיבֶּער צוּ לֶעבִּין זַיינֶע יָארִין אוּן עֶר אִיז דָארְט גִיזֶעסִין אוּן הָאט גִיגֶעסִין פוּן דִי פֵּירוֹת וְכוּ' כַּנַּ"ל.

## אוּן אוֹיף דֶעם יַם אִיז גִיוֶוען אַ רוֹצֵחַ.

**אוּן דֶער רוֹצֵחַ** הָאט גִיהֶערְט אַז סֶע גִיפִינְט זִיךְ אַזוֹי אַ יְפַת תּוֹאַר אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט עֶר גִיוָואלְט זִי אוֹיף חַאפִּין. כָאטְשֶׁע עֶר הָאט זִי נִיט גִידַארְפְט. וָוארִין עֶר אִיז גִיוֶוען אַ סָרִיס. נָאר עֶר הָאט גִיוָואלְט זִי חַאפִּין כְּדֵי עֶר זָאל זִי פַארְקוֹיפִין צוּ אֵיין מֶלֶךְ וֶועט עֶר פַאר אִיר נֶעמֶען **זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט**

**אוּן דֶער רוֹצֵחַ** הָאט אָנְגִיהוֹבִּין זִיךְ צוּ פָּארֶען אִין דֶער זַאךְ (דְהַיינוּ עֶר זָאל זִי קֶענֶען אוֹיפְחַאפְּן) אוּן אַ רוֹצֵחַ אִיז זִיךְ אַ מוּפְקָר. הָאט עֶר זִיךְ מַפְקִיר גִיוֶוען וֶועט עֶר פּוֹעֶלִין פּוֹעֶלִין. אוּן נִיט. וָואס וֶועט עֶר דָא אַיינְשְׁטֶעלִין. וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ אַ מוּפְקָר אַזוֹי וִוי דֶער שְׁטַייגֶער אִיז פוּן אַ רוֹצֵחַ.

**אוּן דֶער רוֹצֵחַ אִיז גִיגַאנְגֶען.** אוּן הָאט אָנְגִיקוֹיפְט זֵייעֶר אַסַאךְ סְחוֹרוֹת. מְשׁוּנָּה פִיל. **אוּן עֶר הָאט גִימַאכְט גִילְדִינֶע פֵייגְלִיךְ.** אוּן זֵיי זֶענֶען גִימַאכְט גִיוָוארִין מִיט מְלָאכוֹת אַז מְהָאט גִימֵיינְט זֵיי לֶעבִּין זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען נַאטִירְלִיךְ פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי לֶבֶּעדִיגֶע פֵייגְלִיךְ.

**וִוידֶער הָאט עֶר גִימַאכְט גִילְדִינֶע זַאנְגֶען.** אוּן דִי פֵייגִיל זֶענֶען גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דִי זַאנְגֶען אוּן דָאס אַלֵיין אִיז גִיוֶוען אַ חִידוּשׁ. וָואס דִי פֵייגִיל שְׁטֵייעֶן אוֹיף דִי זַאנְגֶען אוּן דִי זַאנְגֶען וֶוערִין נִיט צוּבְּרָאכִין. וָוארִין סֶע גִיוֶוען גְרוֹיסֶע פֵייגִיל.

**אוּן עֶר הָאט וִוידֶער גִימַאכְט מְלָאכוֹת** אַז סֶע הָאט זִיךְ גִידַאכְט אַז דִי פֵייגִיל שְׁפִּילִין אוּן אֵיינֶע הָאט גִיקְנַאקְט אוּן אֵיינֶע הָאט גִישְׁוִוישְׁטְשִׁיט. אוּן אֵיינֶע הָאט גִיזוּנְגֶען.

**אוּן דָאס אִיז אַלְץ גִיוֶוען מִיט תַּחְבּוּלוֹת.** וָוארִין מֶענְשְׁן זֶענֶען דָארְטְן גִישְׁטַאנֶען אִין אַ חֵדֶר וָואס סֶע אִיז גִיוֶוען אוֹיף דֶער שִׁיף אוּן דִי מֶענְשְׁן זֶענֶען דָארְט גִישְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דִי פֵייגִיל אוּן דִי מֶענְטְשְׁן הָאבִּין דָאס אַלְץ גִיטָאן. **אוּן סֶע הָאט זִיךְ גִידַאכְט אַז דִי פֵייגִיל אַלֵיין שְׁפִּילִין.** וָוארִין זֵיי זֶענֶען גִימַאכְט גִיוָוארִין מִיט דְרָאטְן מִיט מְלָאכוֹת הָאט זִיךְ גִידַאכְט אַז דִי פֵייגִיל אַלֵיין טוּעֶן דָאס אַלְץ.

**אוּן דֶער רוֹצֵחַ אִיז גִיגַאנְגֶען** מִיט דֶעם אַלִימֶען צוּ דֶער מְדִינָה וָואס דִי בַּת קֵיסָר הַנַּ"ל אִיז דָארְט גִיוֶוען. אוּן עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ דֶער שְׁטָאט וָואס זִי אִיז דָארְט גִיוֶוען. אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַנִידֶער גִישְׁטֶעלְט מִיט זַיין שִׁיף אִין יַם אוּן הָאט דִי שִׁיף גִיאַנְקֶערְט.

**אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִימַאכְט פַאר אֵיין גְרוֹיסְן סוֹחֵר.** פְלֶעגְט מֶען אַרַיין גֵיין צוּ אִים מְזָאל בַּיי אִים קוֹיפִין סְחוֹרוֹת טַייעֶרֶע. אוּן עֶר אִיז דָארְט גִישְׁטַאנֶען אַ צַייט אַ פֶערְטְל יָאר אוּן וַוייטֶער. אוּן מְהָאט אַלְץ גִיטְרָאגִין זֵייעֶר שֵׁיינֶע סְחוֹרוֹת וָואס מְהָאט בַּיי אִים גִיקוֹיפְט.

**הָאט דִי בַּת קֵיסָר אוֹיךְ חֵשֶׁק** גִיהַאט בַּיי אִים צוּ קוֹיפִין סְחוֹרָה. הָאט זִי צוּ אִים גִישִׁיקְט. אַז עֶר זָאל צוּ אִיר טְרָאגִין סְחוֹרָה. הָאט עֶר צוּ אִיר אָפְּגִישִׁיקְט. עֶר בַּאדַארְף דָאס נִיט אַז עֶר זָאל טְרָאגְן סְחוֹרָה צוּם קוֹנֶה אִין שְׁטוּבּ אַרַיין. **כָאטְשֶׁע זִי אִיז אַ קֵיסָר'ס טָאכְטֶער.** וֶוער סֶע בַּאדַארְף סְחוֹרָה זָאל צוּ אִים קוּמֶען. **אוּן אַ סוֹחֵר קֶען קֵיינֶער נִיט נֵייטִין דְרוֹיף.**

**הָאט זִיךְ דִי בַּת קֵיסָר מְיַישֵּׁב גִיוֶוען** זִי וֶועט צוּ אִים גֵיין. אוּן אִיר סֵדֶר אִיז גִיוֶוען וֶוען זִי פְלֶעגְט גֵיין אִין מַארְק. פְלֶעגְט זִי זִיךְ פַאר הֶענְגֶען דָאס פָּנִים. כְּדֵי מְזָאל אוֹיף אִיר נִיט קוּקִין. וָוארִין מֶענְשְׁן וֶועלְן קֶענֶען אַנִידֶער פַאלִין אוּן חַלָשׁוֹת בְּלַייבְּן וְכוּ' מַחְמַת אִיר שֵׁיינְקֵייט כַּנַּ"ל.

**אִיז דִי בַּת קֵיסָר גִיגַאנְגֶען.** אוּן הָאט זִיךְ דָאס פָּנִים פַארְהָאנְגֶען. אוּן זִי הָאט מִיט זִיךְ גִינוּמֶען אִירֶע פַאנֶעס. אוּן אַ וַואךְ אִיז אִיר נָאךְ גִיגַאנְגֶען. אוּן זִי אִיז גִיקוּמֶען צוּם דֶעם סוֹחֵר (דְהַיינוּ צוּ דֶעם רוֹצֵחַ וָואס עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט פַאר אַ סוֹחֵר) אוּן זִי הָאט בַּיי אִים גִיקוֹיפְט סְחוֹרוֹת. אוּן זִי אִיז זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען. **הָאט עֶר אִיר גִיזָאגְט** (דְהַיינוּ דֶער רוֹצֵחַ דֶער סוֹחֵר) אַז דוּ וֶועסְט נָאךְ אַמָאל קוּמֶען וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזִין נָאךְ **שֶׁענֶערֶע זַאכִין דֶערְפּוּן** זֵייעֶר ווּאוֹילֶע זַאכִין אוּן זִי הָאט זִיךְ אוּמְגִיקֶערְט אַהֵיים.

**דֶערְנָאךְ אִיז זִי וִוידֶער אַמָאל גִיקוּמֶען** אוּן הָאט גִיקוֹיפְט בַּיי אִים סְחוֹרָה אוּן אִיז וִוידֶער אַהֵיים גִיגַאנְגֶען. אוּן דֶער רוֹצֵחַ אִיז דָארְט גִישְׁטַאנֶען אַ צַייט. דֶערְוַוייל אִיז דִי **בַּת קֵיסָר שׁוֹין גִיוואוֹינְט גִיוָוארִין בַּיי אִים צוּ זַיין. זִי פְלֶעגְט אוֹפְט צוּ אִים אַרַיין צוּ גֵיין.**

בס"ד

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען__________________________

טעלפון_________________________

שטאט__________________________

## בחינה אויף ספורי מעשיות

### די צענטע מעשה (4) - פונעם בערגיר מיטן אַרימאַן

**א. וואס האט די טאכטער פון קיסר געענטפערט פאר דער ערשטער קעניג?**
- ☐ זי האט אים גרעשריבן אז זי איז זיך משדך מיט אים
- ☐ זי האט אים געשריבן אז זי איז זיך נישט משדך מיט אים ווייל די וואסערן זענען נישט לויטן ריכטיגן סדר
- ☐ זי האט אים גענזאגט אז זי וועט נישט גלייבן ביז ווען זי זעט די כתב אליין

**ב. וואס האט די טאכטער פון קיסר געענטפערט פאר דעם צווייטן קעניג?**
- ☐ זי האט אים גרעשריבן אז זי איז זיך משדך מיט אים
- ☐ זי האט אים געפרעגט פון וואו ווייסט דער ערשטער קעניג
- ☐ זי האט אים געזאגט אז זי וועט נישט גלייבן ביז ווען זי זעט די כתב אליין

**ג. וואס האט געטוהן דער זוהן פון בערגיר נאכדעם וואס דער צווייטער קיסר האט אים פארשיקט?**
- ☐ ער איז געגאנגען צו א דריטער קעניג און אים איבערגעגבן די סימנים
- ☐ ער איז געגאנגען צו א דריטער קעניג און אים איבערגעגבן נאכמער סימנים
- ☐ ער איז צוריק געגאנגען צום ערשטן קעניג און אים איבערגעגבן נאכמער סימנים

**ד. וואס נאך האט דער זון פון בערגיר דערציילט פאר'ן דריטן קיסר?**
- ☐ אז ער האט געהאט א כתב וואס ס'איז געווען אויסגעמאלט אלע פלעצער
- ☐ אז ער זאל זאך אויס מאלן אויף א פאפיר די זיבן וואסערן און זאל איר עס ברענגען
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואס האט די טאכטער פון קיסר געענטפערט פאר'ן דריטן קעניג וואס האט איר געוויזן די כתב וואס ער האט נאכגעמאלען די זיבן וואסערן?**
- ☐ זי האט אים געשריבן אז זי איז זיך משדך מיט אים
- ☐ זי האט אים געזאגט אז זי איז שוין משודך מיט דער פריעדיגער קעניג
- ☐ זי האט אים געזאגט אז זי וועט נישט גלייבן ביז מען וועט איר ברענגען איר אייגן כתב אליין

**ו. ווען דער זון פון בערגיר איז געקומען וואס האט אים די טאכטער פון קיסר געענטפערט?**
- ☐ אז זי איז זיך משדך מיט אים
- ☐ זי האט נישט געוואלט קוקן אויף קיין סימנים ביז מ'וועט איר ברענגען די כתב פון איר האנט אליין
- ☐ זי האט אים געפרעגט פון וואו האבן די ערשטע דריי קעניג'ן געוואסט

**ז. וואו אהין איז דער זון פון בערגיר נאכדעם געגאנגען?**
- ☐ צו מדבריות
- ☐ צו די מדבר וואס ער איז פריער דארט געווען
- ☐ ער איז געבליבן אויף זיין פלאץ

**ח. פארוואס האט דער רוצח געוואלט כאפן די בת קיסר?**
- ☐ כדי איר צו פארקויפן און נעמען פאר זיך די געלט
- ☐ כדי זיך מיט איר משדך זיין
- ☐ כדי איר צו הרג'ענען

**ט. וועלכע מין סארט פייגאלאך האט דער רוצח געמאכט?**
- ☐ פון גאלד
- ☐ פון קופער
- ☐ פון זילבער

**י. וואס האט געמאכט די פייגאלאך זינגען?**
- ☐ מ'האט זיי אויס געלערנט צו זינגען
- ☐ עס זענען געווען מענטשן פארשטעלט אזוי ווי פייגעלעך
- ☐ מענטשן וואס זענען געשטאנען אין א צימער אונטער דעם, האבן עס געמאכט מיט דראטן

**יא. וואו האט זיך דער רוצח געשטעלט מיט זיין שיף?**
- ☐ אין טייך
- ☐ אין גרעניץ
- ☐ אין ים

**יב. האט דער רוצח מסכים געווען צו קומען פארקויפן זיין סחורה צו די בת קיסר?**
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ נאר די ערשטע מאל

**יג. וואס האט דער סוחר געזאגט פאר די טאכטער פון קיסר ווען זי איז געקומען קויפן סחורה?**
- ☐ אז ביים קומעדיג'ע מאל וועל איך יא קומען צו דיר פארקויפן די סחורה
- ☐ אז דו וועסט נאכאמאל קומען וועל איך דיר ווייזן נאך שענערע זאכן
- ☐ אז דו וועסט נאכאמאל קומען וועל איך דיר פארקויפן פאר ביליגער

**יד. וויפיל מאל איז די בת קיסר אריין אין שיף פונעם רוצח?**
- ☐ צוויי מאל
- ☐ צוונציג מאל
- ☐ זי פלעגט אפט אריין גיין

**טו. וואס לערנסטו זיך דערוויל ארויס פון די מעשה?**
- ☐ אז עס איז נישטא קיין יאוש
- ☐ נישט צו האנדלען מיט רוצחים
- ☐ ____________________.

## מיט אסאך הצלחה!!!

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

אריין צו גיין אין א גורל שיק די בחינה צו א פעקס אין א"י 15326519611 אדער צו: L3233287@gmail.com

# דעם רבינ'ס מעשיות



שם ____________________

טלפון ____________________

עיר ____________________

## מבחן בספורי מעשיות

### מעשה י' (4) - מבערגיר ועני

**א. מה ענתה הבת קיסר למלך הראשון שהביא את הסימנים?**
- ❑ כתבה לו שהיא משודכת לו
- ❑ כתבה לו שאינה משודכת לו כי השיר לא כסדר
- ❑ אמרה לו שהיא לא תאמין עד שיביאו לה כתב ידה בעצמה

**ב. מה ענתה הבת קיסר למלך שני שהביא את הסימנים לפי הסדר?**
- ❑ כתבה לו שהיא משודכת לו
- ❑ שאלה מאין יודע הראשון
- ❑ אמרה לו שהיא לא תאמין עד שיביאו לה כתב ידה בעצמה

**ג. מה עשה בן הבערגיר אחרי ששלחו הקיסר השני?**
- ❑ הלך למלך שלישי ומסר לו אותם סימנים
- ❑ הלך למלך שלישי ומסר לו סימנים מובהקים ביותר
- ❑ חזר למלך הראשון ומסר לו סימנים מובהקים יותר

**ד. מה סיפר עוד בן הבערגיר למלך השלישי?**
- ❑ כל לבו, שהיה לו כתב שהיה מצויר כל המקומות
- ❑ שיצייר לעצמו על נייר כל אותן המקומות ויביא אליה
- ❑ שתי התשובות נכונות

**ה. מה ענתה הבת קיסר למלך השלישי שסידר השיר והראה לה הכתב שצייר?**
- ❑ כתבה לו שהיא משודכת לו
- ❑ אמרה לו שהיא כבר משודכת לשני
- ❑ אמרה לו שהיא לא תאמין עד שיביאו לה כתב ידה בעצמה

**ו. כשהגיע בן הבערגיר בעצמו לבת הקיסר, האם היא הסכימה להשתדך עמו?**
- ❑ רצתה להשתדך עמו
- ❑ לא רצתה להשגיח עוד על סימנים כלל, עד שיביאו לה הכתב
- ❑ שאלה מאין ידעו השלושה מלכים הראשונים שהגיעו

**ז. לאן הלך בן הבערגיר אחר כך?**
- ❑ למדברות
- ❑ למדבר שהיה בו מתחילה
- ❑ נשאר במקומו

**ח. למה חשק הרוצח לתפוס את הבת קיסר?**
- ❑ כדי למכרה ויקח בעדה הון רב
- ❑ כדי להשתדך עמה
- ❑ כדי להרגה

**ט. איזה מין סוג ציפורים עשה הרוצח?**
- ❑ של זהב
- ❑ של נחושת
- ❑ של כסף

**י. האיך היה נראה שהציפרים מנגנים בעצמן?**
- ❑ כי הם היו ציפורים אמיתיים ולמדו אותם לנגן
- ❑ כי הם היו אנשים שמתחפשים לציפורים
- ❑ בני אדם שעמדו בחדר מאחורי הצפרים עשו תחבולות שיהיה נראה שהצפרים מנגנים

**יא. היכן נעמד הרוצח עם ספינתו?**
- ❑ בנהר
- ❑ בגבול
- ❑ בים

**יב. האם הרוצח הסכים לבוא למכור סחורתו לבת הקיסר?**
- ❑ הסכים לבוא אליה
- ❑ לא הסכים לבוא אליה
- ❑ הסכים רק בפעם הראשונה

**יג. מה אמר הסוחר (הרוצח) לבת הקיסר כשהיא הגיעה לקנות סחורה?**
- ❑ בפעם הבאה שתרצי לקנות סחורה אני אגיע אליך
- ❑ אם תבואי עוד פעם אראה לך עוד דברים יפים מזה
- ❑ אם תבואי עוד פעם אמכור לך בזול

**יד. כמה פעמים הגיע הבת קיסר להספינה?**
- ❑ פעמיים
- ❑ עשרים פעם
- ❑ היתה רגילה ליכנס ולצאת

**טו. מה אתה לומד מהסיפור בינתיים?**
- ❑ שאין שום יאוש בעולם כלל
- ❑ לא לישא וליתן עם רוצחים כלל
- ❑ ____________________.

## בהצלחה!!!

ספורי מעשיות שסיפר רבינו הקדוש הם קודש קדשים וכונתו ז"ל הייתה כדי לעורר אותנו משנתינו הרוחנית, וללמד אותנו דעת ודרך ישרה לעבודת השם יתברך בהתעוררות הלב, כמו שאמר רבינו: ש"ספורי מעשיות שלו מסוגלים לעורר מהשינה", ולמען דעת אשר בכל תיבה ותיבה מאלו המעשיות טמונים סודות התורה טמירים ונעלמים, כנשמע מפיו הקדוש בעצמו, ואפילו איש פשוט אשר יקרא אותם יכול להוציא לעצמו מוסר והתעוררות להשם יתברך

להיכנס להגרלה ניתן לשלוח תשובות לפקס 1532651961 או ל: L3233287@gmail.com